„Radomer-Kielcer Leben" 8 (348) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן

Radom, dnia 20 Lutego 1931 r.

ראדאם, פרייטאג ג' אדר תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

**אנאנסען - פרייז:**

אין מיליםעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 35 "

די ז-טע און לעצטע זייט אנטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

ב"ה ר"ח אדר תרצ"א.

אודך בקהל רב בשם עצום אהללך

פריהער א שבח צו גאט און דערנאך די צייט שלוחים די צהרל כו דאקטוירים אקושערען גינעקאלאגען: דעם ה' ד"ר נימא. א קריטש און דעם ה' ד"ר ש. הערשק וועלכע זענען געקומען נאך דער אקושערקע טענעיבוים און האבען געראטעוועט מיין ב"ב פון א פלוצלינגען טוידט מיט גיכע הילף און פיל מיה. דעם פאריגען מוצאי שבת קודש און נישט גענומען קיין געלד.

איך ווינש זיי פאר דאס גליקליכע הענד. עס זאל פאר זיי אפען זיין די שערי רפואה שלימה.

נאום הצעיר בזיינים

**שמואל פערסיל** מ"ץ בראדום.

---

צום פערלאבונג

פון **שמאי שערמאן** מיט פר"ל **העלא ראזענבערג**

ווינשען מיר איהם פיל גליק אין זיין נייעם לעבענס וועג און פיל נחת די עלטערן.

פערסאנאל פון פירמע שערמאן

פר"ל רוזיע קרינג, יעקב יוסף גאלדשטיין
אהרן לערמאן. לייזער אבראבאמאוויטש
נתן זילבער. נחמן זילבערמאן
נתן גרינמאן.

---

# Dr. J. TAUBENFELD

**przeprowadził się**

i przyjmuje

*w chorobach wewnętrznych i dzieci*

ul. MONIUSZKI 3

(Kościelna)

---

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej

**Heli Rozenberżanki**

z kolegą **Samkiem Szermanem**

życzą dużo szczęścia i harmonji dusz

Salomon Waksberg,
Salomon Nowopolski.

---

מזל טוב דיר חבר שלמה ראזענבערג

ווינשען מיר דיר מיט דיין פאמיליע צו דער פערלאבונג פון אייער איינציגע טאכטער העלענא מיט ה' שמאי שערמאן

מיר ווינשען דעם פארל א גליקליכע צוקונפט.

פאמיליע י. מאנישעוסקי.

---

# דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין הערצליכסטען דאנק

דעם ד"ר גינעקאלאג **ה' לעווין** פאר זיין זארגזאמע בעהאנדלונג און פיעל מיה ביים געבורט פון מיין טעכטעריל.

**דוד רובינשטיין**

לובלינער 1.

---

# הכחשה.

אזוי ווי פאריגען נומער, „ראדאמער-קעלצער לעבען" איז געווען א אויפפאדערונג צום ה' ראובן גליקשטיין, ערקלער איך דא, אז איך האב אויף דער אייפפאדערונג מיין אונטערשריפט נישט געגעבען און איך האב לגמרי נישט געוויסט, אז ה' אישעע פישמאן וועט זיך אליין מעכטיגען מיך אונטערצושרייבען. מיר טהוט זעהר לייד וואס על פי טעות און אהן מיין הסכמה איז אריינגעצויגען געווארען מיין נאמען און דער קריטיק אויף דער פערזאהן פון ה' גליקשטיין, וועלכער איז אנב בכלל איז געוויסט אין שטאדט אלס העכסט-אנשטענדיגער און זעהר ארענטליכער מענש.

**מאטיל צינא.**

---

דעם טיפסטען דאנק דריקען מיר אויס די זעהר געטרייע חברים פון אונזער פערשטארבענעם זון, ברודער און שוואגער

# ירחמיאל פרידמאן

פאר זייער ווארימען בעטייליגען זיך אין העלפען אויסגעפונען איהם און אבגעבען דעם לעצטען כבוד.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס דעם טיפסטען דאנק אונזערע משפחה-מיטגלידער די ה"ה הערשל, יצחק און זעליג פרידמאן. בעזונדער דאנקען מיר די פאמיליע פלינקעוויטש פאר'ן אבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טראגיש-אומגעקומענעם זון, ברודער און שוואגער.

**עלטערן, ברידער שוועסטער און שוועגערין.**

---

p. Tadkowi Finkielsztajnowi

z powodu zgonu

# b.p. OJCA Jego

wyrazy szczerego współczucia składa

**ORKIESTRA**

*kina „Nowe Czary"*

# „ס'איז א חרפה און א שאנד פאר יודישע פאבריקאנטען וואס נעמען נישט צו אין זייערע פאבריקען קיין יודישע ארבייטער"

## אזוי האט געזאגט דער גרויסער יודישער דיכטער שלום אש.

(פון אונזער לאדזער קארעספאנדענט)

אין א סך שטעדט אין פוילען ווערט היינט געפייערט דער 50-יעהריגער יובילעאום פון גרויסען יודישען דיכטער שלום אש. די טעג איז אזא יובילעאום-פייערונג פארגעקומען אין לאדז. שלום אש האט אין די טעג פון זיין יום טוב נישט פערגעסען אין די יודישע ארבייטער. ער האט בעזוכט די מעכאנישע וועבער-ווארשטאטען פון לאדזער יודישען רעטונגס-קאמיטעט און ער איז מאקע בעגייסטערט געווארען פון יודישען פלייס און ארבייטס-פעהיגקייט. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער גרויסער דיכטער געגעבען א אינטערוויו די ארטיגע יודישע פרעסע פארשטעהער, פון וועלכען איך ברענג דא זעהר אינטערעסאנטע שטעלען, וואס א בעלאנגט דער בעציהונג פון יודישען פאבריקאנט צום יודישען ארבייטער.

איך ציטיר א טייל פון אינעם וויו וועלכער איז אויך אינטערעסאנט פאר אונזערע יודישע פאבריקאנטען אין ראדאם, מחמת נישט איינמאהל האט אונזער צייטונג „ראדאמער-קעלצער לעבען" בעריהרט אויף איהרע שפאלטען די דאזיגע אנגעוועהטאגטע טראגע.

הים דער אינטערוויו איז מעהרסטענטייל געווענדעט צו דער שטאדט לאדז, וואס איז א פיל-פאך גרעסערער ארבייטס-צענטער און ס'זענען פאראהן א סך יודישע גרויסע פאבריקען, פונדעסטוועגען זענען די ווערטער פון שלום אש שטארקער און גערעכטער מוסר אויך פאר די קלענערע שטעדט, וואו ס'זענען נאר פאראהן יודישע פאבריקען, ער מיינט נישט בלויז לאדז, נאר אפילו אויך א ראדאם, א קעלץ א. ז. וו. וואו ס'זענען דא יודישע פאבריקאנטען אין יודישע ארבייטער.

לאמיר דעריבער הערען, וואס דער גרויסער דיכטער זאגט:

— איך האב געמאכט א בעזוך — הויבט-אן זיין אינטערוויו דער גרויסער דיכטער שלום אש — אין דער מעכאנישער לוין-וועבעריי פון לאדזער יודישען רעטונגס קאמיטעט. איך האב דארט געזעהען דעם יודישען וועבער, ווי ער ארבייט אזוי פיין ביים מאדערנעם מעכאנישען ווארשטאט. דאס איז באמת א נעהר גוטער אויפטו פון לאדזער יודישען רעטונגס-קאמיטעט. ביי דעם היינטיגען טרויעריגען מצב פון פוילישען יודענטום, ווען קיין הילף פון דער רעגירונג איז נישטא, און אינעווייניג, איז מען צוריסען און צוברעקעלט, איז דער אויפטו פון רעטונגס-קאמיטעט א זאך, וואס מוז מיט אלע כחות אונטערשטיצט ווערען.

— וואס קומט אבער ארויס — הויבט אן שלום אש אין א פערביטערטען טאן — אז די יודישע פאבריקאנטען אין לאדז זענען טויב און שטום צו דער יודישער נויט און צו יודישע לעבענס-בעדערפענישען און די מייסטען פון זיי לאזען דעם יודישען ארבייטער נישט אריבער איבער'ן שוועל פון זייערע פאבריקען. די קריסטליכע פאבריקען זאגען פאר'ן יודישען וועבער געשלאסען, די מלוכה'שע אונטערנעהמונגען זענען פאר איהם פערמאכט. צו וועמען-ושע זאל זיך דען ווענדען דער יוד נאך ארבייט. אויב נישט צום יודישען פאבריקאנט און דא האב איך געהערט, אז זיי, די יודישע פאבריקאנטען, האבען ארויסגעלעגט אויף דעם יודישען ארבייטער א חרם.

— עס איז א חרפה און א שאנד — ווי די יודישע פאבריקאנטען בעהאנדלען זייערע ארימערע ברידער. איך ווייס נישט פארוואס מען שווייגט וועגען דעם.

— ניין, — אזא זאך טאר נישט דערלאזט ווערען! מען דארף די דאזיגע אלע פאבריקאנטען ארויסשטעלען אויף א ש ווא ר צ ע ר ל י ס ט ע און זאל מען וויסען וואס פאר א קאלטע גזלנים דאס זענען לגבי דעם אונבעהאלפענעם יודישען ארבייטער!

— דאס פוילישע יודענטום פיהרט דאך דא אן ענערגישען קאמף פאר דער פולער גלייכבערעכטיגונג. דער דאזיגער קאמף מוז געפיהרט ווערען אויך אויף דער יודישער גאס. קודם כל דארף כאטש דא אויסגעקעמפט ווערען די גלייכבערעכטיגונג. און דער יודישער פאבריקאנט זאל נישט מאכען קיין אינטערשיד צווישען א קריסטליכען און יודישען ארבייטער.

# טאג-בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

## ווי אזוי מ'האט מיך ארויסגע'גנב'עט פון דער „טשעקא" אין מאסקווא.

ווי איך האב שוין פריהער דערצעהלט, האט פיניעלע ראדאמער נאך נישט געהאט רעכט בעוויזען צו פערענדיגען זיין געשפרעך, אדער בעסער געזאגט זיין פערגאנגענהייטס-געשיכטע. און די טהיר פון טוידטען-קאמער האט זיך ראפטום חאסטיג אויפגעמאכט און ס'זענען אריין א מחנה טשעקיסטען זיי זענען געווען א מאן צעהן. אין נערשטען מאמענט בין איך זעהר צוטומעלט געווארען אזוי, אז קוקענדיג אויף זייערע שטרענגע פנים'ער האב איך אפילו דייטליך נישט געקענט זעהן ווי אזוי יעדער פון זיי זעהט אויס פונקט אזוי ווי אלע האבען געטראגען גראהע שינעלען פון איין פארב און פון איין פאסאן, דאס זעלבע איז געווען מיט זייערע פערזענליכע אויסערליכע פיזיאגנאמיעס. מיר האט זיך געזאכטען, אז אלע האבען זיי איין פנים און אלע צעהן מאן האבען איין געשטאלט.

וואס איז דען דער וואונדער אויף א מענש, וועלכער האט כסדר געלעבט אונטער בלויז לעבענס-געפאהרען. ס'איז מעהר געווען א וואונדער, וואס איך האב זיך נאך געקענט האלטען אויף די פיס און נישט געווארען אויף אן אמת משוגע. די צרות און מיינע אונמענשליכע טראגישע איבערלעבענישען האבען אויף מיר אזוי פיעל געווירקט צושמעטערענדיג, אז איך האב אנגעהויבען קוקען אויף דער וועלט ווי אויף א גאנצע רויבער. וואס ברויך מען דען מעהר ווען אייגענע פרוי און קינדער, ווען די בעסטע גוטע פריינד, וואס האבען ביי דעם ברויט געגעסען — ווערען דיר פרעמד און פערלאזען דיך און פערקויפען זיך פאר'ן פריינד פון אויסנעלעסענע ליבע פאר א פאר הונדערט רובעל, אדער פאר א חתן פון א פרעמדער נאציאן און פרעמדען גלויבען, אדער אינגאנצען אהן גלויבען.

איך מיין דערמיט מיינע דריי תלינים: מיין אייגענע פרוי, וואס האט נעפראוועט אייסגעלאסענע שטיק אונטער מיינע פלייצעס; פיניעלע ראדאמער וואס איז געווען דער אונטערפיהרער און אפילו מיין עלטערע טאכטער סאליע, וואס האט זיך פערליבט אין א באלשעוויסטישען קאמיסאר און נאך דערפיהרט דערצו, אז די יונגערע טאכטער זאל אריינטרעטען אין „טשעקא" אלס אגענטקע. אט די אלע דריי האבען מיך דאס צוגעפיהרט צו אזא טרויריגען מצב. צומעהרסט, פערשטעהט זיך, האבען מיך צובראכען און רואינירט די ערשטע צוויי, אבער די דריטע און אפילו די פיערטע האבען מיר אויך קיין נחת נישט פערשאפט. אויך זיי האבען מיך פערלאזט אין פערגעסען אין מיר.

מיין לאנגיעהריגע טראגעדיע האט

# דער ראדאמער פרויען-קרייז ארדענט איין א גראנדיעזע אויסשטעלונג.

דער פרויען קרייז ביים „קרן קימת" אין ראדאם איז צוגעטרעטען צו ארגא- ניזירען און איינארדנען אין די נאהנ- טע וואכען א גרויסען באזאר לטובת דעם קרן קימת לישראל.

דער באזאר, וועלכער איז נאך א נייעס ביי אינז אין שטאדט איז שוין אבער מיט גרויס ערפאלג אדורגעפיהרט געווארען אין פיעל שטעדט ווי: ביאליס- טאק, לידא, סקערניעוויץ, לאמושע א. אנד.

דער באזאר איז אזא ארט אויסשטע- לונג פון אלערליי סחורות, וועלכע ווערען צום דעם צוועק געשאנקען דורך פערשידענע פירמעס. אויפ'ן בא- זאר וועט זיך געפונען געוויסע קיאסקען פון: גלאז, לעדער, מאנופאק- טור, גאלאנטעריע, קאלאניאל, קאסמעטיק סאפיער א. ד. גל. אויך א ספעציעלע אבטיילונג פאר האנד-ארבייט.

א בעזונדער ארט וועט פערנעמען דער קיאסק פון ארץ-פראדוקטען און פער- שידענע אויסארבייטונגען פון „בצלאל- שולע". עס וועלען ערמעגליכט ווערען קיאסקען פון געזעלשאפטליכע אינסטי- טוציעס, וועלכע זאלען אין די ברא- ראמען און ציפערען פארשטעלען די ענטשטעהונג, וואוקס און ענטוויקלונג פון די דאזיגע אינסטיטוציעס.

עס איז אויך פאראויסגעזעהען א פיעלזייטיגער און רייכער פראגראם און און פערשידענע אטראקציעס (וועגען וועלכע ס'וועט בעזונדער איבערגעגעבען ווערען) אין משך פון די 12 טאג וועל- כע דער באזאר וועט זיין אפען. דער באזאר וועט דאדורך ווערען מעגליך בעזוכט דורך א גרעסערע צאהל מענ- שן, וועמען עס וועט א ספעציעלער מיט- גליד פונ'ם קאמיטעט, ערטיילען ער- קלערונגען בנוגע דער אויסשטעלונג.

דער באזאר וועט דעריבער זיין אויך א גרויסע פראפאגאנדע פאר די-דאזי- אויסגעשטעלטע עקספאנאטען, דען ביי יעדער אויסארבייטונג וועט צוגעגעבען ווערען דער נאמען פון כנדר. ס'איז דעריבער זיכער אז אלע פירמעס ווי אויך זייערע ארטיגע פארטרעטונגען וועלען נעמען אן אנטייל אין דער דא- זיגער אויסשטעלונג, וועלכע וועט פאר- קומען אין איינעם פון די גרעסטע זא- לען אין שטאדט.

פאריגע וואך איז שוין פארגעקומען צו דעם צוועק, די ערשטע זיצונג פון פרויען קרייז אויף וועלכער ס'איז ארומגערעדט געווארען דער גענויער פראגראם און געוועהלט געווארען פער- שידענע קאמיסיעס (וועגען זעב צו- זאמענשטעל פון די דאזיגע קאמיסיעס ווי אויך זייער פארזיצענדע וועט בא- זונדער געמאלדען ווערען).

# א פייערליכע טרומפעלדור-אקאדעמיע.

אין ראדאם ווערט צום ערשטען מאל איינגעארדענט דורך דעם „ברית טרומ- פעלדור" א פייערליכע טרויער-אקא- דעמיע צום 11-טען יאהרצייט פון יו- דישען פאלקס-העלד יוסף טרומפעלדור.

ווי מען הערט האט דער בית"ר צו- געגרייט זעהר א רייכען פראגראם. דער אייגענער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון פראפ. פ. גיבסער וועט אויספיהרען אייניגע פון די בעסטע מוזיקאלישע שאפונגען. עס וועט אויך אנטייל נעמען א גוט אויסגעשולטער פידעל-קווארטעט, ווי אויך דעקלאמאצי- יעס און כאר, און אויך א לעבעדיג בילד וואס שטעלט פאר דעם טראדיצ- יאנעלען מארש צו טרומפעלדור'ס קבר.

א רעפעראט וועגען טרומפעלדורס לעבען און שאפען וועט האלטען דער גלענצענדער רעדנער מ[illegible] הראשי פון ברית טרומפעלדור אין פוילען אהרן פראפעס פו ווארשא.

עס איז צו האפען דאס די אקא- דעמיע וועט צאהלרייך בעזוכט ווערען.

בכדי צו געבען די מעגליכקייט די ברייטע יודישע מאסען אנטייל צונעמען אין דער אקאדעמיע זענען די פרייזען פון די בילעטען צוגענגליך.

די פייערליכע אקאדעמיע קומט פאר דעם ערשטען מערץ.

# פון רעוויזיאניסטישע שילער-פערבאנד „מסדה" אין ראדאם.

די קולטור-קאמיסיע ביים ראדאמער סניף פון „מסדה" ארדענט איין שבת דעם 21 ד. מ. 8 אווענד אין לאקאל פון „מסדה" (רינעק 17) א קעסטעל- אווענט אין א לעבעדיגע צייטונג.

דער איינגאנג פריי פאר

---

ענדע פון זייט 3.

דער „סטיענקא"-עקזעקוציע.

ווי איך האב שוין דערצעהלט, זע- נען די משעקיסטען אדיינגעקומען צו אונז ארעסטאנטען אין טוידטען-קאמער, בכדי ארויסצונעמען א טייל פון אונז צו דער עקזעקוציע. זיי האבען ארויס- געלייענט פון א ליסטע א רייהע נעמען און נאכרעם שטרענג בעפוילען, אז די ארויסגעלייענטע זאלען זיך תיכף אויפ- הויבען פון די ערטער און זיך גריי- טען אין וועג אריין. צווישען די ארויס- געלייענטע נעמען האט מען אויך אויס- געדופען מיין נאמען. וואס איך האב געפיהלט בשעת כ'האב דערהערט אויס- לייענען מיין נאמען — דאס פערשפאהר איך צו שילדערען. דאס קאן זיך יע- דער בעוועהנליכער בשר ודם אויסמאח- לען. איך האב וואס אנ'אמת א ציטער געשיהן. טוידטע אנגסטען האבען ארויסגעזעצט אויף מיין גאנצען קער- פער. א קעלט און א היץ האבען מיך געווארפען און פאר טוידס-שרעק האב איך נישט געזעהן, וואס ארום מיר טהוט זיך.

(פארטזעצונג קומט).

# די טרערן פון א גאסן-קינד

## (א ראדאמער בילדל.)

כ'גיה אזוי אויף דער לובלינער גאס. ס'איז ביינאכט אזייגער 10. ס'איז קאלט און גליטשיג. די גאס איז ווייס, די פענסטער זענען ווייס פון פראסט, די הייזער זענען ווייס. אויף אלץ איז אויסגעשפרייט שניי-לייל'עכער. די גאס איז שוין באלד אנגעשארט. די טראס- טיגע שנייעלעך וויקלען זיך אין דער לופט און שפיגלען זיך אין עלעקטרי- שען אבשיין. איך איל זיך אהיים. פאר מיר געהען אונטעראנצענדיג צוויי קליינע יונגעלעך. זיי טוליען זיך איי- נער ביים צווייטען און רעדען צווישען זיך מיט שנעל-פערכאפענדיגע אטהעמ'ס. נישט קאנענדיג פון גרויס קעלט אפען- האלטען די ציטערדיגע מיילעכלעך. איינער פון זיי, דער קלענערער, רעדט און הוסט אינטער. זיינע ווערטער פא- לען קורץ, אבגעהאקט, ווי די קליינע פיצינקע שנייעלעך. ער קאן כמעט נישט רעדען, ביי יעדען א ווארט — א הוסט, אז ס'חילעכט אזש אב די ליידיגע שטי- לע גאס. דער צווייטער, א העכערער, אויסגעדארט ווי א שמאל דין צווייגעל שלאגט איהם איבער די רייד און פרעגט:

— שמעונ'לע, אז דו הוסט אזוי, וואס זשע-טרייסטו נאך אזוי שפעט אין גאס? דו ביסט דאך צוגעקיהלט. אמעהר וואלסטו בעסער געלעגען אין בעט. —

— וואו זאט א הינד א הויז — הוסט-אויס דער קלייענקער שמעונ'לע א ענטפער — וואו זאל איך געהן זאג- טו, א היים? ווי איז דער דין, אז אין דער היים איז קעלטער ווי אין גאס? די מאמע. די ברידערלעך, די שוועסטערלעך. אלע זיי ווארטען איצט אויף מיר, דעם פינסטער-געבער כזאל זיי אהיימברענגען א פאר זעמעל — כאטש א ברויט מיט א פירטעל קי- לא צוקער צו טהיי. —

— נו, איבער דעם געהסטו נישט אהיים? דו וועסט דאך קראנק ווערען — טענה'ט דער העכערער און רעדט-צו שמעונ'לע אהיים צו געהן.

— אבער וואס רעדסטו, הערשעלע. אז איך האב היינט גארנישט פערדיענט. אין די קעשענעס בלאזט א ווינד. א גאנצע טאג אבגעשטאנען ביים וואקזאל, זיך געבעטען א חאליזקע, א פעקעל אבצוטראגען, אבער קיינער האט נישט געגעבען. די פאסאזשירען אליין האבען געדזשוויגעט די שווערסטע פעק. כ'בין געפרוירען געווארען ווי א הינד. מיט

# דער אָבקלאַנג פון דער החלטה פון רבנים-צוזאַ-מענפאָהר וועגען ענין קעסטענבערג.

## דער טעקסט פון דער החלטה, אויסצוג פון סאָסקאָלאָווער רבינ'ס בריף, אויפרוף פון „רודף-שלום"-קאָמיטעט.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט אין פאָריגען נומער, האָבען די רבנים. וועלכע האָבען געווײלט אין אונזער שטאָדט אין נאָמען פון דער „אגודת הרבנים אין פוילען". ארויסגעטראָגען א החלטה, פון וועלכע מיר האָבען מיט-געטיילט די לעזער אייניגע פרטים. —

דער פאַקט פונ'ם קומען פון רבנים און זייער החלטה איז בליץ-שנעל פערשפרייט געוואָרען אין גאַנץ פוילען נאָך פאר'ן פערעפענטליכען דאָס אין די ווארשאווער פרעסע. יעדער פאַסט ברענגט דעם רב קעסטענבערג פערשי-דענע גראַטול-רונג'ס-בריף אין דעפעשען פון רבנים און וויכטיגע פערזענליכ-קייטען, יודען און נישט יודען פון אלע קרייזען פון פוילען. —

די החלטה האָט געמאַכט אין אונזער שטאָדט זעהר א גוטען איינדרוק, און האָט ארויסגערופען גרויס צופרידענהייט, איבערצייגענדיג די יודישע בעפעלקערונג, אז דער שלום איז זייער נויטיג און ס'האָט שוין דערגרייכט די העכסטע צייט, אז דער אנטאגאָניזם פון מלחמת-אחים, וועלכע האָט בע-שמוצט די ראדאָמער יודישע קהלה אין די אויגען פון דער וועלט, זאָל שוין איין מאָהל פאר אלע מאָהל געענדיגט ווערען, און מ'זאָל קאָנען אריינברענגען אָנ'אָרדנונג אין רעליגיעזען ווי אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון אונזער שטאָדט, וועלכע זענען פערנאַכלעסיגט געוואָרען אין משך פון דער מחלוקה, וועלכע האָט פערשוועגדעט פיעל גרויסע סומען אויף ניט לאָ בארע צוועקען.

דעם פערגאַנגענעם שבת האָט זיך פערזאַמעלט אין וואָהנונג פון הרב קעסטענבערג אנ'עולם פון הונדערטער מענשען, ווי אויך כמעט אלע גערער חסידים, וועלכע זענען געקומען איהם ווינשען און האָבען דאָרט פערבראַכט אייניגע שעה. —

דער פולער טעקסט פון די החלטה, אויסצוג פון זעהר א אינטערעסאַנטען בריעף פון סאָקאָלאָווער רבי'ן ווי אויך אנ'אויפרוף פון „רודף-שלום"-קאָמיטעט וועלען ווערען איבערגעדרוקט אין א ספּעציעלע אויסגאַבע אין ווערען אויפ-געהאַלטען צוליב טעכנישע סיבות. —

מיטוואָך איז געוועזען אָבגעדרוקט אין היגען רעגירונגס צייטונג „זיעמיא-ראדאָמסקאַ" דער גאַנצער לויף פון צוזאַמענטרעף אין זייער אוכוואַלע (החלטה) און דריקט זיך דערביי אויס, אז א דאַנק די איניציאַטיוו פון בעקאַנטען אינדוסטריעלער פון אונזער שטאָדט ה' שמואל אָדלער איז געגרינדערט גע-וואָרען דער קאָמיטעט, כּכדי צו ענדיגען דעם בעריהמטען רבנות-קאַמפף.—

31—05


נויטיג א אנגעשטעלטער

האָט אין בעקאַנט אין דער ארבייט

פון א ספּולדזשעלנא-באַנק

ווענדען זיך מיט אָפּערטען אין רעדאַקציע.



יודישע מענער-גימנאַזיע אין קעלץ.

די העברעאיש - יודישע פאָרשטעלונג געשפּילט דורך די שילער פון גימנאַזיום אונטער די לייטונג פון פּראָפעסאָר גראָובארד —

קומט פאָר שבת צו נאַכ'ט 21|2

אין לאָקאַל פון פוילישען טעאַטער.

אין פּראָגראַם אינסצעניזאַציעס פון תנ"ך, ש"י ביאַליק, „העמעריל" אינס-צעניזירט די גאָלדענע קייט אין אנדערע.

די נאָך איבערגעבליבענע בילעטען זענען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער אין טאָג פון די פאָרשטעלונג פון 5½ אָוועגד אָב.


# ערקלערונג.

אין „ראדאָמער-קעלצער לעבען" נומ. 7 (347) האָט זיך בעוויזען א מעל-דונג פון אנ'אנאָנימע גרופּע „יודישע צאָהן-טעכניקער אין קעלץ". וואָס איז דורכאויס פאַלש און שטימט נישט מיט דער ריכטיגקייט. לטובת האמת ערקלע-רען מיר פאָלגענדעס:

1) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נישט לאַנג ענטדעקטע אַפערע פון א פאַל-שען דענטיסט טאַדעאוש שוואַרץ, (אגב א קריסט) וועלכער איז אין קעלץ טאָר פערשידענע שווינדלערייען און אונגעזעצליך פערנעמען זיך מיט דענטיס-טישע פּראַקטיק ארעסטירט געוואָרען, איז אויך צוגעצויגען געוואָרען צו פערענטוואָרטליכקייט אַנגעוויסער גינגאָלד, וועלכער האָט מיט שוואַרצען צוזאַמען געפירט אין קעלץ אויף קאָפּיטאָלנא גאַס א דענטיסטישען הייל-איינשטאַלט. די פאַכט האָט דעמאָלט אדורכגעפיהרט אויך ביי אנדערע „דענטיסטען", א לוסט-טראַציע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אז פערשידענע פערזאָנען, וועלכע גיבען זיך אָן פאַר „דענטיסטען" און „צאָהן-טעכניקער" האָבען נישט קיין רעכט צו פערנעמען זיך מיט דעם פאַך און פיהרען אריין די געזעלשאַפט אין א טעות.

2) די קעלצער אָבטיילונג פון פּוילישען צאָהן-דאָקטוירים פערבאַנד האָט ערקלערט אין דער פּרעסע, אז שוואַרץ אין גינגאָלד זענען נישט קיין מיטגלי-דער פון דעם פעראיין און זענען נישט קיין דענטיסטען. 3) אלע אָהן אויס-נאַהם יודישע ציין-דאָקטוירים פון קעלץ און אומגעגענד געהערען צום קעלצער אָבטיילונג פון אלפּוילישען צייהן-דאָקטוירים-פערבאַנד, וועלכער איז דער גרעסטער אין דער פּוילישער רעפּובליק אין צעהלט העכער 1500 מיטגלידער. דער קאָלעגע סערוועטניק אין פאָרזיצענדער פון עפנטען טאָג אָן. דאָס די קעלצער אָבטיילונג האָט זיך ליגאַליזירט און איז אויך פערוואַלטונג'ס-מיט-גליד פון דער הויפט פערוואַלטונג פון דעם פערבאַנד אין וואַרשא.

פערבאַנד פון דאָקטוירים און דענטיסטען

פון דער פּוילישער רעפּובליק

אָבטיילונג אין קעלץ.

123-04

את ידידנו צבי זילבערשטיין,

במות עליו עטרת-ראשו אביו התמוכם

יחזקאל ז"ל

מנחמים אנו ברוב צערו העמיק. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

קילצי. שרה ונתן למשפחת גורסקי.

כוס-תנחומים לחברנו הנכבד

מרדכי מכטינגער למות עליו

אמו

בשם המתפללים ד„שערי ציון"

קילצי. נחמי' אוסטרוביץ.

אני משתתף בצערו הגדול של ידידי מר צבי סרצזש

למות אליו אביו

ר' אברהם נ"ע

(תושב עיר דוילאשין) בציר אנטוורפן.

קילצי. זאב קלוסקא.












Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Szya. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 10.

# קעלצער אבטיילונג.

## מאלאגאשטשער רב עלווינג בעזוכט דעם גענעראל־קאנסול זבישעווסקי און פיהרט מיט איהם א געשפרעך אין דער העברעאישער שפראך

דער מאלאגאשטשער (קיעלצער קרייז) רב עלווינג, האט לעצטענס בעזוכט דעם ג. פוילישען גענעראל־קאנסול אין א״י ה׳ זבישעווסקי בעת זיין וויילען אין פוילען. און געהאט מיט איהם א לענגער געשפרעך וועגען אלגעמיין יודישע פראגען.

הרב עלווינג איז קאנסול זבישעווסקי׳ס א פערזענליכער פריינד. דאס געשפרעך איז געפיהרט געוואָרן מעהרסטענטייל אויף דער העברעאישער שפראך. וועלכע דער קאנסול בעזיצט אויסגעצייכענט. ה׳ זבישעווסקי האט שטארק געלויבט די יודישע לייסטונגען אין ארץ ישראל און ערקלערט, אז זייגע מעג אין יודישען לאנד, וועלען בלייבען איהם שטענדיג פערבלייבען אין זכרון.

הרב עלווינג האט הערציג געדאנקט דעם קאנסול פאר זיין אויסגעצייכענטע ליעבע און ארבייט פאר דעם יודישען פאלק.

ווי בעקאנט איז ה׳ זבישעווסקי נאמינירט געוואָרען אלס פוילישער גענעראל־קאנסול אין טשיקאגא.

## אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער אגודה׳שער יוגענד.

(כמו א בעריכט.)

אין לאקאל פון דער יודישער קהלה, איז פאריגען זונטאג, אין אָוונד, געוועזן לעבעדיג. גאנצע מחנות בחורים זענען געקומען אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון אגודה׳שער יוגענד. קומענדיג אין בעקוועמען לאקאל פון דער קהלה, האט חברה זיך צושפרייט און א טייל יונגלייטלעך זענען געגאנגען צום טעלעפאן, א טייל צו די אנדערע איינריכטונגען און... די שולות און געשרייען האבען אראבגענידערט אזש אויף דער גאס.

ענדליך איז געוואָרען א ביסעל שטילער און א „ריידנער" האט געגעבען דאס ווארט צו א בעגריסונג דעם אגודה שען לאווניק ר׳ בנימין לעוו, וועלכער האט געטהוען זאגען, אזוי צו זאגען:

חברים יוגענד! איך בעגריס אייך, אבער וואס קומט ארויס. אז נאך אלע בעמיהענישען, וואס מיר האבען, כדי אייך צו ערציהען, טהו איהר אין מיטען דערינען אנטלויפט צו די ציוניסטען. אלזא געדענקט. אז עס געהען וואהלען... אבער ניעט דאס בין איך אויסען. די איינציגע רעטונג איז אז איהר זאלט לערנען דעם דף־יומי.

עס האבען זיך אנגעהויבען א דיסקוסיע. יעדער מיטגליד האט שטארק קריטיקירט דעם ועד און געהאט פרעטענסיעס, אז מען גיעט זיי גאר נישט אין דער ארגאניזאציע.

אויף דער וואנד, איבער׳ן פרעזידיום, האט געהאנגען דאס פון ד״ר הערצל... צום סוף איז א געוויסער „ריירנער" אנגעפאלען אויף דער יודישער פרעסע. מיט דעם האט זיך די „פערזאמלונג" געענדיגט.

## די לעצטע זיצונג פון אוועקגעהענדע קהלה־ראט.

דעם לעצטען שבת־צונאכט איז פארגעקומען א זיצונג פון קהלה־ראט, אויף וועלכער עס איז ענדליך אנגענומען געוואָרען דער ביודזשעט־פרעלימינאר אויפ׳ן יאהר 1931.

ביים שליסען די זיצונג האט דער פארזיצענדער ה׳ ראזענבערג בעמערקט, אז דאס איז די לעצטע זיצונג פון איצטיגען קהלה־ראט. ה׳ ראזענבערג האט דערביי אויסגעדרוקט זיין צופרידענהייט פון דער רוהיגער אטמאספערע, ביי וועלכער דער אוועקגעהענדער ראט האט די גאנצע צייט געארבייט. הלואי — זאגט ה׳ ראזענבערג — זאל דער נאכקומענדער ראט נישט ערגער ערפיהלען זיינע אויפגאבען און טעטיגקייט.

## דער בעזוך פון ה׳ ליכטינגער.

דער בעזוך פון א״י דעלעגאט ה׳ ליכטינגער אין קיעלץ, איז אדורך מיט ערפאלג, דער חשוב׳ער גאסט האט אבגעהאלטען א רייהע בעראטונגען מיט אלע ארטיגע ציוניסטישע יונענד־ארגאניזאציעס און עס איז געלונגען צו רעארגאניזירען די טעטיגקייט פאר׳ן קרן־קימת.

זונטאג איז אין זאל „ארפעאום" פארגעקומען א אקאדעמיע, אויף וועלכער ה׳ ליכטינגער איז ארויסגעטרעטען מיט א לענגערען רעפעראט וועגען לעבען אין ארץ־ישראל.

בעת׳ן וויילען פון ה׳ ליכטינגער האט זיך געווענדעט צום ק. ק. ל. קאמיטעט דער פרעזעס פון „מכבי" ה׳ פרישמאן און ערקלערט זיין גרייטקייט צו לעדנען פאר א גרעסערע גרופע די ענגלישע שפראך. די הכנסה פון די דאזיגע קורסען זאל געהן פאר ק. ק. ל. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען אין דער קאמיטעט האט געדאנקט דעם ה׳ פרישמאן פאר זיין שעהנעם טהאט.

## פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אינגיכען וועט דאס ציוניסטישע קיעלץ פייערען א אימפאזאנטען יום־טוב. עס וועט פארקומען דער חנוכת־הבית, פון נייעם לאקאל פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דער קאמיטעט מאכט אלע נויטיגע צוגרייטונגען פאר דער דאזיגער פייערונג, אין וועלכער עס וועלען אויך אנטייל נעמען א רייהע פארשטעהער פון ציוניסטישען צ. ק. אין פוילען.

א הערצליכען מזל־טוב און פיעל גליק ווינשען אונזער פריינד
איטשע גאלעמביאווסקי צו זיין פערלאבונג
מיט פר״ל זאשיא זילבערשטיין
צעשיא אלבירט און חיים בעסענדארף

Koledze Pinkusowi Abramowiczowi
z intencji Jego zaręczyn z p. Hercówną
życzę wiele szczęścia i zadowolenia.
Dawid Mangiel

## פון די יודישע גימנאזיע.

די העברעאיש־יודיש פארשטעלונג דער ווי דאס ווערט גערופען אין די אפישען „פייערליכער אוונד" פון די יודישע מענער־גימנאזיע, קומט פאר שבת־צו־נאכט דעם 21/2 אין לאקאל פון פוילישען טעאטער. דער פראגראם איז זעהר א רייכער, אפשר דער רייכסטער פון די אלע פארשטעלונגען, וואס די גימנאזיע האט געמאכט ביז היינט, ווייל דאס איז די ערשטע פארשטעלונג געווידמעט ספעציעל העברעאיש און יודיש. בכלל איז דער גאנצער פראגראם איז אין העברעאיש־יודישער — אז מ׳לוינט זיך, אפילו אין דער היינטיגער שווערער צייט צו פארגעסען אויף א פאר שעה אין די אלטעגליכע דאגות און אויסקצוזעצן זיך זעהן וואס די יודישע גימנאזיע שאפט. ס׳איז אגב כדי צו בעמערקן, דאס טראָץ די קאלאסאלע אויסגאבען מיט וואס איז פערבונדען דאס איינארדנען אזא אוונד, האט די לייטונג פון די פארשטעלונג בעשלאסען צו מאכען די פרייזען פאר די בילעטען זעהר ביליגע כמעט מינימאלע, כדי צו ערמעגליכען אלע שיכטען פון די שטאדט צו זיין אנוועזנד.

לאמיר האפען, דאס די בעזוכער ווען ווי אלע מאל פון אזעלכע פארשטעלונגען פון די גימנאזיע האבען א אמת גייסטיג פערגעניגען.

...אלע.

זונטאג דעם 22 ד. מ. ווערט פארקו־
מען אין אייגענעם לאקאל א קאלעקטי־
ווער רעפעראט א. ד. ט. „די לעצטע
מאקיאנאלע דעקלעראציע און אונזער
שטאנדפונקט" מיט'ן אנטייל פון די
ח"ח: א. ראזענבערג און ס. פישמאן.

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינד **ש מ א י ש ע ר מ א ן**
מיט פר"ל **ה ע ל א ר א ז ע נ ב ע ר ג**, ווינשט פיל גליק און צופרידענהייט.
**י ע ק ב ב ע נ ע ט.**

---

א הערצליכען מז"ט ווינשען מיר אונזער חבר שלמה ראזענבערג עט פרוי
צו דער פערלאבונג פון זייער טאכטער העלענא מיט ה' שמאי שערמאן.
די עלטערען פיל נחת און דעם פערלאבטען פארל א גליקליכע צוקונפט.
הכרים: בלייוואס עט פאמיליע, ראזענבוים עט פאמיליע, ווייסבערג
עט פאמיליע, גאלדשטיין עט פאמיליע, זיגמאן עט פאמיליע.

---

דעם ה' שלמה ראזענבערג ווינשען מיר א הארציגען מזל־טוב צו דער
פערלאבונג פון זיין טאכטער העלענא מיט ה' שערמאן ש.
די פערוואלטונג פון ה. קלוב
**און די פארשטעהער פון אלע צעכן.**

---

א הערצליכען מז"ט מיין חבר שלמה ראזענבערג **עט פרוי צו** דער
פערלאבונג פון זייער טאכטער העלענא מיט ה' **שמאי שערמאן.**
נחת די עלטערען און גליק דעם פערלאבטען **פאר'ל**
מ. ביירמייסטער עט פרוי.

---

Z intencji zaręczyn p. **Heli Rozenberżanki**
z p. **Samsonem Szermanem** szczęścia i zadowolenia
rodzicom i narzeczonym
życzą **Finkielsztajnowie.**

---

בברכת מזל טוב חמה ולבבית הנני
מאחל לבן־אחי אביש מינצבערג לרגלי
בואו בברית הנשואים עם העלמה
מינדיל פלייבערג.
תהי דרכם צלחה ומאושרה.
אלימלך מינצבערג.

---

בברכת מזל טוב לבבית הנני מברך
את חברי מר אביש מינצבערג
לבואו בברית הנשואים עם בחירת
לבו מינדל פלייבערג.
יעקב שטערן.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין
פרל' זאשיא זילבערשטיין מיט ה' איזאאק גאלעמביאווסקי ווינשען מיר
א הערצליכען מזל־טוב און שטענדיגע צופרידענהייט.
קיעלץ. לייבל סאסנאווסקי און פרוי, וו. זילבערשטיין און פרוי.

---

צו דער פערלאבונג פון פרל' זאשיא זילבערשטיין מיט ה' איזאאק גאלעמביאווסקי
ווינשען מיר פיעל גליק. שמואל גאלדבערג און פרוי, קיעלץ.

---

אונזער ליבען ברודער איזאאק צו זיין פערלאבונג
מיט פרל' זאשיא זילבערשטיין ווינשען מיר גליק און אייביגע
צופרידענהייט. ברודער גאלעמביאווסקי, קיעלץ.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען קוזין איזאאק גאלעמביאווסקי
מיט פרל' זאשיא זילבערשטיין
ווינשען מיר א הערצליכען מזל־טוב און א גליקליכע צוקונפט.
משה זאיאנטשקאווסקי און פרוי, אישע גאלעמביאווסקי און פרוי.

---

**Uwaga!** Znana w Radomiu ze swej specjalności **Uwaga!**
prania firanek
**Pralnia „EKONOMJA"**
Żeromskiego 9.
zawiadamia Sz. Klijentelę, że najwyższy już czas zaopatrzyć się
na nadchodzące święta wielkanocne w elegancko upraną i prasowaną
na specjalnych ramach firankę
**Cena znacznie zniżona!!!**
Przyjmujemy również do prania chemicznego wszelkie jedwabie i wełny
oraz plisowania, karbowania i dekatyzowania
**systemem najnowszym**

---

# א דאנסינג.

שבת־צו־נאכט דעם 28 פעברואר ה. י. ווערט דורך דער געזעלשאפט
„לינת־הצדק" — — — איינגעארדנעט
# א דאנסינג
אין די זאהלען פון ה' פשיפיטניעווסקי־צוקערניע
די ריינע הכנסה איז בעשטימט לטובת ארימע קראנקע, וועלכע זיינען
אונטער דער איפזיכט פון דער דערמאנטער געזעלשאפט.
פערוואלטונג פון „לינת הצדק" ראדאם

---

# בעקאנטמאכונג.

די נישט לאנג ענטשטאנענע שולע פון „שול־קולט" אין ראדאם
וועלכע האט שוין אין משך פון איהר קורצער עקזיסטענץ דערווארבען
דעם צוטרוי פון ראדאמער עלטערען, האט דעם כבוד צו מעלדען,
אז אויף פורים ווערט צוגעגרייט
# א גראנדיעזע פורים־פארשטעלונג
מיט זעהר א רייכען פראגראם אין יודיש, העברעאיש און פויליש
פרסים אין קומענדיגען נומער.
מיט אכטונג
**פערוואלטונג פון „שול־קולט" אין ראדאם.**

---

Wyrazy głębokiego współczucia z powodu przedwczesnej śmierci
# LOLI FRAJDASS
wyrażają stroskanym Rodzicom
**Kierownictwo**
koleżanki i koledzy oddz. VI b.
*szk. im. Joselewicza*

---

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערקלערונג פון פרוי גיטעל פאנקעוויטש
וואהל 7 וואס איז געווען געמעלדען אין "ראדאמער־קעלצער לעבען"
(346—6) אז זי האט זיך געווענדעט **צום פרעזעס**, אז מ'זאל איהר שיקען
א מנין צום דאווענען, ערקלערען מיר, אז זי האט זיך צום פרעזעס בכלל
נישט געווענדעט. נאר צו פערוואלטונגס־מיטגלידער, וועלכע האבען איהר
געענטפערט, אז די חברה וועט איהר בעצאהלען פאר די גאנצע צייט פון
דער שבעה אין זי האט געזאגט, אז דער מאן וועט **נאר** זיצען דריי טעג.
צוליב דעם האט די חברה נישט געקענט פאר נויטיג צו שיקען א מנין
אויף די וויטערדיגע טעג.

**פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט**
## מנחמי אבלים אין ראדאם.

---

וואסזשע געהט מען אהיים? זאל די
מאמע מיט די שוועסטערלעך און ברו־
דערלעך כאטש מיינען, אז כ'בין זעהר
פערנומען, אז כ'האב ארבייט אין אז
אט, אט קום איך מיט א סך פערדינסט.
זאלען זיי אזוי קלערען, וועלען זיי
דעם הונגער קענען לייכטער פערטרא־
גען. זיי וועלען חלומ'ען פון ברויט מיט
צוקער און פון בלויז פארשטעלען זיך
וועלען זיי מיוטעגווייז זאט ווערען. —

די דאזיגע ריחה'ענדע קליגע רייד
פון שמעונ'לע האבען שטארק געווירקט
אויף זיין קאלעגע, וועלכער האט א
שטעק אריינגעשטוכן די האנד אין הוי־
זען־קעשענע און ארויסנעמענדיג פון
יארט א גאנצע גארשטש מיט געלד
האט ער אין דער שטיל אויסגעבראכ:

— נא, דא האסטו שמעונ'לע געלד.
לויף שנעל אהיים און קויף־איין עסען
פאר דיין מאמע און די קינדער, רעד
גארנישט, נעם און שווייג. —

— אבער פון וואנען האסטו אזוי
פיעל געלד? — האט שמעונ'לע גערעדט
מיט א ציטערדיגע שטימע פון גרויס
איבעראשונג.

כ'האב עס גע'גנב'עט — האט דער
קאלעגע שטיל איינגערוימט א סוד און
זיך אומגעקוקט פון אלע זייטען צי
מען הערט נישט — זאג נישט אויס:
מאך א שווייג.

שמעונ'לע האט פערשפארט דאס
געלד צו נעמען. פון ווייטען האבען זיי
דערזעהן געהן א פאליציאנט. דער
קאלעגע האט געמיינט, אז דער פאלי־
ציאנט געהט איהם נאך, האט ער גע־
מאכט פיס און פערשוואונדען.

דער קליינע שמעונ'לע האט איהם
נאכגעקוקט, געשאקעלט מיט'ן קאפ
און זיך צעוויינט אין גאס.

ווער קאן עס וויסען וואס ס'האבען
בעדייט די טרערען פון דאזיגען גאַ־
סען־קינד. צי האט ער בעדויערט זיין
חבר, וואס איז א גנב געווארען, אדער
ער הנט בעדויערט, וואס ער האט
דאס געלד נישט בצוויזען צונעמען
און ער האט איצט זיין ארימען קאלע־
גע מקנא געווען.

ווער קאן דאן וויסען די געדאנקען
פון א הונגעריגען, געפרווירטען ארי־
מען גאסען־קינד?... אפשר האט דאס
פערשטאנען דער קאלטער, ווייסער,
שנייאיגער דרויסען...

**פ. פאליער**